ס'איז אין אָרדנונג — האָט ווילסאָן געזאָגט — דאָ האָסטו די לירה.

ער דערלאַנג דעם שייגעץ די לירה, און הייסט אים גיין.

* * *

ווילסאָן קלאַפּט אָן ביי די טיר.

ביטע אַריין — איז דער ענטפער.

ווילסאָן פאַרמאַכט די טיר פון אינעווייניג. און גיט אַ דריי דאָס שליסל וועלכעס איז געווען אין די טיר. זאָל די טיר זיין פאַרשלאָסן.

אַלזאָ ראַבינער דאָ האָב איך די שטיינער.

ווילסאָן בייגט זיך אַראָפּ און ציט אַרויס פון די הויעכע חאַלאַוועקעס פון זיין גלאַנצעדיגן געלן שטיוול אַ לענגליך פּושקע, און לייגט עס אויפן טיש. פון די פּושקע נעמט ער אַרויס פיר ביישעלעך. ער עפנט אויף זאָרגפעלטיג די ביישעלעך. אין יעדן ביישל ליגן איינגעוויקלט אין וואַטע דריי שטיינדלעך. פיר ביישלעך צוועלף שטיינער.

מיט אַ הייליגן ציטער און מיט אַ געהויבענעם אַנטציקטקייט, קוקט דער מהר״ל אויף די הייליגע שטיינער, וועלכע גיבן אַרויס אַ שטאַרקע בלישטשע אין פאַרשידענע פאַרבן, ווי סודות'פולע פלאַמען. דער מהר״ל האָט נישט געדאַרפט קיין איבערצייגונג, אַז דאָס זענען טאַקע די שטיינער פונם חושן. דער הייליגער ציטער וואָס האָט אים אַדורך גענומען דערזעענדיג די שטיינער איז אים שוין געווען גענוג אַבאַוויז. פון יעדן שטיין האָט זיך אַראָפּגעלייגט אַ נאָמען פון אַ שבט, אַזוי אַלע צוועלף שבטים. אין דמיון האָט דער מהר״ל געזען דעם כהן גדול מיט זיין גאַנצן שיינקייט און גלאַנץ, אָנגעטאָן אויף זיך דעם חושן משפט מיט די צוועלף בלישטשעדיגע שטיינער, ווי ער שטייט און טוט די עבודה אין בית המקדש.

דער מהר״ל האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי קוקענדיג אויף די שטיינער , איז אים צוויי שנירלעך טרערן אַראָפּגערונען אויף די באַקן.

ווילסאָן האָט דאָס באַמערקט, האָט ער געפונען פאַר אַ פּאַסיגע געלעגנהייט, נאָכאַמאָל צו באַמערקן :

— נו זעט הער ראַבינער, די הייליגע טייערע שטיינער דאַרפן זיך געפינען אין פרעמדע הענט ? !, איך האָב דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן, מיט די גרעסטע איינשטעלעניש און געפאַר צו מיין לעבן, האָב איך דאָס דורך געפירט.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 31 הודפס ע"י אוצר החכמה

זאָגט מיין ליבער העד, — האָט דער מהר"ל געפרעגט פאַרוואונדערט — ווי זוי איז אייך טאַקע געלונגען אַזאַ אַרבעט אַדורך צופירן, דאָרט ווי ס'איז באַוואוסט אַז דער מוזעאום איז באַוואַכט שטאַרק פון דרויסן און פון דערינען?

ריכטיק הער ראַבינער — האָט ווילסאָן געזאָגט — אויפן אויגנבליק זעט אויס די זאַך ווי אַ רעטעניש. אָבער אַז איך וועל אייך באַקענען מיט די אַלע איינצלהייטן, וויזוי איך בין צוגעקומען צו דעם, דאָס איך זאָל זיך קענען אונטערנעמען אַזאַ פּראָיעקט, און וויאַזוי אויף וואָסערן אופן איך האָב דאָס דורך געפירט, וועט אייך אַלעם פאַרענטפערט ווערן.

אוצר החכמה

אָבער ס'איז זעלבספאַרשטענדליך הער ראַבינער, אַז דאָס צו פאַרציילן אייך קען איך אייך ערשט אָנפאַרטרויען ווען מיר וועלן האָבן געענדליך דורך געפירט דאָס געשעפט, איר וועט מיר האָבן אויסגעצאָלט, און די שטיינער וועלן זיך שוין געפינען אין אייער באַזיץ.

עס איז נישט וואָס איך געטרוי אייך נישט הער ראַבינער — האָט זיך ווילסאָן עקסקוזירט — נאָר ס'איז אַ נאָרמאַלע זאַך אַז אַ מענטש דאַרף אַלעם טאָן פאַר זיין זיכערהייטס וועגן.

איר זענט גאַנץ אַ לאָגישער מענטש — האָט אים דער מהר"ל צוגעגעבן.

אַלזאָ — האָט דער מהר"ל געזאָגט — עס איז אָפגערעדט. ביז צוויי וואָכן בין איך דאָ צוריק גרייט מיטן געלט, און מיר וועלן אַדורכפירן דאָס געשעפט.

הייסט עס הער ראַבינער — האָט ווילסאָן באַטאָנט — דאָס דעם געשעפט איז אייגנטליך פאַרענדיגט.

דער מהר"ל: — זיכער.

ווילסאָן האָט צוזאַמען געקליבן די בייטעלעך מיט די שטיינער, האָט זיי אַריינגעלייגט אין די פושקע, צוריק באַהאַלטן דאָס אין די חאַלאַוווקעס פון זיין שטיוול.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, און געררייכט די האַנט צום מהר"ל.

דער מהר"ל האָט אים צוריק געררייכט אַ האַנט. און אין מיטן זאָגט אים דער מהר"ל:

— פיליכט אייער נאָמען מעג איך דאָך וויסן?

אַנטשולדיגן זי הער ראַבינער — האָט ווילסאָן געזאָגט מיט

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 32 הודפס ע"י אוצר החכמה

א איראָנישן שמייכל — אָבער אַלץ נאָכן ענדיגן פּאַקטיש דאָס געשעפט.

אויבצוואר דער אמת איז — האָט ווילסאָן זיך געאײַלט צו צוגעבן — אפילו איר ווייסט מיין נאָמען, און אַפילו ס'זאָל פּאַסירן די זאַך אויף וועלכן איר זענט זיכער נישט פאַרדעכטיגט צוטאָן, דאָס איר זאָלט מיין נאָמען אַרויסגעבן קען מיר גאָרנישט פּאַסירן, די שטיינער וועט מען ביי מיר קיינמאָל נישט געפינען. נאָר דאָס אליין אַז מיין נאָמען זאָל קומען אונטער אַ פאַרדאַכט אין דער עפנטליכקייט, דאָס קען אין אַ געוויסע מאָס פאַרשוואַרצן מיין פּנים, וועלכעס וואָלט מיר געוווען שטאַרק אומאַנגענעם קעגן מיין כלה און אירע עלטערן, וועלכע זענען פון די פאַרנעמסטע לייט דאָ אין לאָנדאָן.

עס זאָל אייך נישט קומען אין קאָפּ אַזעלכע געדאַנקען — האָט אים דער מהר"ל פאַרזיכערט — אַפילו אין די ערגסטע געדאַכטענישן.

אַז איר האָט אָפּגעטאָן אַזאַ אַרבעט, מיט אַזאַ ריינע ערליכע כוונה, ס'האָט אייך ווי געטאָן דאָס די הייליגע שטיינער פונם חושן זאָל זיך געפינען אין גוי'אישע הענט, קומט אייך זיכער נישט פאַרשוואַרצן אייער פּנים.

אוצר החכמהוועט איר — האָט דער מהר"ל פאַרגעזעצט — ווען איר טוט דאָס געוווען נישט מיט אַזעלכע ערליכע געדאַנקען, נאָר סתם פאַר געלט גייציגקייט און פאַרברעכערישקייט...

דעמאָלס וואָלט מיר אויך נישט געקענט קיין זאַך פּאַסירן — האָט ווילסאָן אַריין געכאַפּט אין מיטן — לויט מיינע בעוואָרענישן און פאַרזיכטיגקייט.

אָבער דער אויבערשטער וואָס איז איבער אונז אַלע — האָט דער מהר"ל געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ מוכיח — וואָלט שוין געהאַט געפונג וועגן וויאַזוי צו פאַרשוואַרצן אייער פּנים.

אַה ! אין הימלישע זאַכן בין איך ווייניג באַהאַוונט, דאָס לאָז איך איבער פאַר אייך הער ראַבינער — האָט ווילסאָן געזאָגט — איך אַליין גלייב קוים דאָס ס'פּאַסירט אומנאַטורליכע זאַכן.

איר זענט נאָך אַ יונגער מענטש — האָט אים דער מהר"ל געזאָגט — אַסאַך זאַכן וואָס אַמענטש אין אָנהייב גלויבט נישט, די אומשטענדן פון לעבן ברענגען אים צו צוגלייבן.

אַלזאָ הער ראַבינער — האָט ווילסאָן געזאָגט שוין אָביסל נערוועז פון דעם שמועס — מיר וועלן זיך איצט נישט אַריינלאָזן אין די זאַכן, פיליכט ביי אַ צווייטע געלעגנהייט.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 33 הודפס ע"י אוצר החכמה

ער האָט געגריסט:

— אַ גוטן טאָג, צום ווידערזען, אין צוויי וואָכן אַרום דאָ אין האָטעל. און איז זיך אַרויסגעגאַנגען.

* * *

ווי דער מהר"ל איז געבליבן אַליין, האָט ער זיך געפילט שטאַרק אין אַנגעדריקטע שטימונג, ווי אַ שווערער שטיין איז אים געלעגן אויפן האַרץ. ער האָט נישט געוואוסט וואָס ער הויבט איצט אָן צוטאָן. פון צו באַצאָלן די סומע וואָס דער גנב פאַרלאַנגט קען דאָך אוודאי נישט קיין רעדע זיין, אפילו נישט די העלפט אָדער די פערטל, אפילו נישט די צענטע טייל. איז, וואָס טוט מען ווייטער? דער גנב האָט זיך פאַר אים באַוויזן, ער האָט שוין גערעדט מיט אים, און האָט אפילו שוין די זכי' געהאַט צוזען פאַר זיך די הייליגע שטיינער. און איצט דאַרף ער ערשט רחמים דאָס עס זאָל זיך נישט אַרויסגליטשן פון זיינע הענט די גאַנצע זאַך. ער האָט אָפּגעלייגט די זאַך ביז צוויי וואָכן, כדי צו געווינען צייט. אָבער וואָס טוט מען אונטער דער צייט?

ער האָט זיך אויפגעהויבן די אויגן צום באַשעפער און געזאָגט:

— „רבונו של עולם, דו האָסט מיך געפירט ביז איצט אויפן ריכטיגן וועג, כ'בעט דיך העלף מיר ווייטער".

— „רבונו של עולם, דו זעסט מיין מי און פּלאָג, וואָס איך בין געקומען דאָ צופאָרן פאַר דיין נאָמען וועגן. און דו ווייסט דאָך דעם אמת, מיט וואָס פאַראַ „ערליכע" כוונות דער באַנדיט און איינברעכער האָט געטאָן די זאַך. דו קענסט אים פאַרשווארצן דעם פּנים אַזוי אַז ער זאָל זען אַז ס'איז דאָ אַ ג־אָט אויף דער וועלט, און ער זאָל אויך חרטה האָבן אויף די גאַנצע זאַך, און וועלן צוריק אָפּגעבן די שטיינער. און סוף כל סוף איז ער דאָך אַליין אויך אַ אידיש קינד — לויט זיינע רייד — געבוירן צו אידישע עלטערן, ער קען נאָך תשובה טאָן, און צוריקקערן צו זיין שורש".

און אַזוי האָט דער הייליגער מהר"ל גערעדט נאָך ווערטער, תחנונים'דיגע רייד, צום הייליגן באַשעפער מיט טרערן אין די אויגן. ביז ער האָט געפילט אַ פאַרגרינגערונג אין האַרצן, גלייך ווי מ'וואָלט אים געענטפערט פון הימל:

— זאָרג נישט מיין קינד, דו וועסט מצליח זיין אין דיין אַרבעט, און ס'וועט דורך דיר נאָך אַרויסקומען אַ קידוש השם.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 34 הודפס ע"י אוצר החכמה

## — ח —

ווען ווילסאָן האָט פאַרלאָזט דעם האָטעל פונם מהר״ל, און געגאַנגען צו זיך אַהיים, האָט ער שטאַרק געלאַכט אין זיך, אויף דעם גרויסן תמימות פון דעם אַלטן ראַבינער. וואָס ער האָט זיך געלאָזט איינרעדן פון אים, דאָס ער האָט דורך געפירט די גניבה, מיט אַ פרומע כוונה, ווייל ס׳האָט אים ווי געטאָן דאָס די שטיינער זענען אין גוי׳אישע הענט.

כא, כא, כא, האָט ווילסאָן געלאַכט. און וואָס בין איך? מער ווי אַ גוי?! ווייל כ׳בין געבוירן ביי אידישע עלטערן? איך בין געוואַקסן און ערצויגן ווי אַ גוי, און לעב אַלע יאָרן ווי אַ גוי. איך פאַרשטיי אינגאַנצן נישט דעם אונטערשייד פון אַ גוי ביז אַ איד. אפשר מיט אַזויפיל בין איך אַנדערש, דאָס איך גלויב נאָך ווייניגער ווי אַ גוי. זייערע צערעמאָניעס קלעפּן מיר אויך גאָרנישט, קיינמאָל האָט עס זיך מיר נישט געקלעפּט. ווי ריכטיג איך האָב געזאָגט דעם ראַבינער, דאָס איך גלויב קוים אַז ס׳קען פּאַסירן אומנאַטירליכע זאַכן. קען זיין איך האָב אים דערמיט ווי געטאָן, אָבער ס׳איז דאָך פאַרט דער אמת אַזוי. הלוואי וואָלט עמיצער געהאַט בכח מיך צו ברענגען צום גלויבן. ס׳איז גוט צוגלויבן איבערצייגט. ס׳טוט איינעם גייסטיג באַלאַנסירן. מ׳לעבט פאַר עפּעס אויף דער וועלט. מ׳האָט אַן אידיאַל אין לעבן. מ׳האָט מיר דערציילט דאָס מיינע עלטערן האָבן זיך געלאָזט פאַרברענען פאַרן אידישן גלויבן. און זייערם אַ קינד ווייסט אפילו נישט וואָס דאָס מיינט „גלויבן״, ער לעבט אָן אַ ציל און אָן אַ צוועק, ווי אַסאַך אַנדערע מיליאָנען מענטשן. איז דאָס נישט אינטערעסאַנט אינם פירונג פונם לעבן?

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז ווילסאָן געגאַנגען, ביז ער האָט זיך פלוצים דערזען ביי די טיר פון זיין האָטעל, וואו ער האָט דאָרט געוואוינט אין אַ שיינעם מעבעלירט צימער.

אוי, — האָט ער זיך געכאַפּט — כ׳האָב דאָך געוואָלט היינט נאַכט אַרויף גיין צו אַנדריאַס׳ן אין מיין כלה׳ס שטוב, איך זאָל זיי דערציילן פון מיינע גרויסע ערפאָלגן אויפן געביט פון אַרכיאָלאָגישע פאָרשונגען, און אַז ס׳וואָרט אויף מיר דורך דעם אַ גרויסע רייכטום צו ערדייכן.

נו זאָל שוין זיין אַזוי — האָט ווילסאָן באַשלאָסן — איך וועל

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 35 הודפס ע״י אוצר החכמה

שוין היינט נאַכט נישט גיין. איך וועל מיך די נאַכט גוט אויסרוען. און מאָרגן וועל איך אַרויף גיין, איך זאָל זיין אויסגערוט, און קענען פאַרברייינגען מיט אַ רואיגן קאָפּ.

ווילסאָן איז אַריין צוזיך אין צימער, לוסטיג און לעבעדיג.

זאָל דער ראַבינער מיינען דאָס איך בין אַ צדיק, און איך האָב געגנב'עט מיט הייליגע געדאַנקען — האָט זיך ווילסאָן ווידער דערמאָנט פון דער זאַך, מיט אַ געלעכטער — דער עיקר די צוויי וואָכן זאָלן דורך גיין שנעל, און איך זאָל שוין זען די הונדערט טויזנט לירות דאָ אין מיין האַנט.

ווילסאַן האָט זיך אוועקגעלייגט שלאָפן.

* * *

אין דער פרי, אַרום 9 — אַזייגער, קלאַפּט מען אין די טיר ביי ווילסאָן. ער איז נאָך געלעגן אין בעט און געלייענט אַ צייטונג. ער כאַפּט אויף זיך אַשלאַף ראָק און גייט צו די טיר.

ווער איז דאָס? — פרעגט ווילסאָן.

דער באַדינער פון האָטעל — איז געווען דער ענטפער — כ'האָב פאַר אייך מר. ווילסאָן אַ בריוו איבערצוגעבן.

ווילסאָן עפנט דעם בריוו אומגעדולדיג. ס'איז געשריבן פון פראָפעסאָר אנדריאס.

ער שרייבט אין דעם בריוו, אַז ס'איז אַ וואונדער, וואָס זיי האָבן אים שוין עטליכע טעג נישט געזען. און מ'ערוואַרטעט אים פאַרנאַכט צום סאָפּער.

דער בריוו האָט ווילסאָן'ען אויפגעהייטערט נאָך מער ווי ער איז געווען. אַז ביי זיין כלה'ס שטוב, איז מען נאָך אים אַזוי פאַרביי, אַז ער איז אַפּאָר טעג נישט געווען זענען זיי שוין אַזוי אומגעדולדיג.

דער אמת'ן האָט ער געהאַט אין זינען אַרויפצוגיין נאָך אין מיטן טאָג, נאָר איצט נאָך דעם איינלאַדונג, וועט ער שוין וואַרטן ביז סאָפּער.

ווילסאָן האָט געהאַט איינגעאָרדנעט עפּעס אַ קינסטליך באַהעלטעניש פאַר די שטיינער פונם חושן. נישט דאָרט וואו ער האָט געוואוינט. ס'איז געווען פון דאָרט צו גיין אַ שטיק וועגס. האָט ער זיך איצט באַקלערט, דאָס ער דאַרף דאָרט זיין יענע געגנט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן דעמאָלט וועט ער שוין די שטיינער דאָרט באַהאַלטן. דערוויל וועט ער זיי האַלטן ביי זיך. זעלבסטפאַרשטענדליך

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 36 הודפס ע"י אוצר החכמה

ווי ער גייט וועט ער דאָס מיטנעמען מיט זיך אין די חאַלעוווקעס פונם שטיוול, ס׳איז גאַנץ אַ גוטע באַהעלטעניש.

ווילסאָן האָט דעם טאָג פאַרברענגט שוין ביי זיך אין צימער אין דעם האָטעל. ער האָט אַלעמאָל געהאַט גרייט ביי זיך אין שטוב, עפּעס צונעמען אין מויל אַריין, ער זאָל נישט מוזן אַרויסגיין אין רעסטאָראַנט, אָדער עפּעס איינקויפן.

אין די נאָכמיטאָג שעה׳ן האָט זיך ווילסאָן אָפּגעבאָדן גוט, אויסגעפּוצט אַביסל דעם בלויען אַנצוג זיינעם און פאַרראַכטן עס אויף זיך ביים שפּיגל, צוגעפּאַסט אַ שיינעם שניפּסל. אַזוי איז אים פאַרלאָפן די צייט.

פּלוצים האָט ער באַמערקט אַז ס׳איז שוין שפּעט אויפן זייגער. האָט ער געכאַפּט שנעל אויף זיך די גלאַנצענדיגע שטיוול זיינע, ס׳פאַרשטייט זיך די שטיינער פון חושן מיט זיך אין די חאַלעוווקעס, און געלאָפן שנעל צו זיין כלה׳ס שטוב.

* * *

ווילסאָן האָט געעפנט די טיר ביי פּראָפ. אַנדריאַס, מיט אַ שטאַרקן שמייכל אויסגעצויגן אויף זיין געזיכט. ער באַגריסט אַלע ווי געהעריג. און קוקט אוים אויף דעם וואַרימען פריינטליכן ענטפאַנג פון זייער זייט, אַזוי ווי ס׳פלעגט זיין אַלעמאָל ביזהער. אָבער דער שמייכל טוט זיך פון אים אָפּ שנעל, ער ווערט פאַרוואונדערט און איבערראַשט, ער באַמערקט אַז אַלע שטוב לייט שרעקן זיך פאַר אים, זיי קוקן אויף אים מיט אויסגעשטאַרטע אויגן און אָפענע מיילער, און זיי רוקן זיך אויף צוריק, זאָלן אים נישט שטיין אין די נאָענט.

ער ווייסט נישט וואָס דאָ קומט פאָר. ס׳איז אַטויטע שטילקייט אַרום אים.

ביז אַנדריאַס איז צו זיך געקומען, און האָט געבראָכן די שטילקייט מיט אַגעשריי:

— ווילסאָן! דו ביזט דאָס?! וואָס האָט פּאַסירט מיט דיר? ביזט דאָך שוואַרץ ווי קויל.

ווילסאָן האָט זיך נישט געגלויבט פאַר זיינע אויערן וואָס ער הערט.

וואָס פאַרא וויץ איז דאָס דאָ? — פרעגט ער מיט אַ שטילן טאָן.

גיי צום שפּיגל, קוקט דיך אָן — זאָגט אים פּראָפ. אַנדריאַס.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 37 הודפס ע״י אוצר החכמה

ער גייט צו צום שפיגל, און בלייבט פארגליווערט ווי פון א דונער קראך. פון שפיגל קוקט אויף אים א פנים שווארץ ווי א נעגער.

וואס איז דאס? זעט ער ריכטיג? צי שווינדלט אים עפעס פאר די אויגן? ער קוקט און קוקט, ער טאפט זיך אן דעם פנים מיט ביידע הענט, אפשר איז דאס עפעס א מאסקע וואס ער קען אים אראפנעמען. דער פנים זיינער בלייבט שווארץ, א נעגער ווי אלע נעגערס.

ער פארשטעלט זיך דעם פנים מיט ביידע הענט, און זאגט צו די פאמיליע אנדריאס:

— כ'בעט אייך אלע אנטשולדיגונג... נישט אנדערש, איך האב געמוזט אריינפאלן ערגעץ אויף אפלאץ — נישט וויסנדיגערהייט — וואו ס'איז געווען א דיקער רויך, און די סאזשע האט באדעקט מיין פנים... אבער עפעס אן אנדערע סיבה וואס איך ווייס נישט. ס'טוט מיר זייער לייד אויף דעם אומאנגענעמליכקייט וואס כ'האב אייך פאראורזאכט...

צום ווידערזען מארגן...

ער איז ארויס פון שטוב, כמעט לויפנדיג.

די כלה, וועלכע איז געווארן שאקירט אין די ערשטע מינוט, פון זיין אויסזען, איז שוין אביסל צוזיך געקומען, און זי האט געוואלט עפעס זאגן:

ווילסאן! — האט זי אים נאך געשריגן.

אבער ער האט שוין נישט געהערט. ער איז געלאפן אזוי ווי צומישט. ס'האט זיך אים געדאכטן ווי די גאנצע וועלט איז ארום אים פארשווארצט געווארן. און אפילו די הימל האט געביטן איר בלויקייט אויף שווארץ. דעם קאלנער האט ער זיך אויפגעשטעלט, דעם הוט האט ער אראפגעצויגן ביז די אויגן. אזוי איז ער געלאפן דורך זייטיגע געסלעך צוזיך אהיים.

— ט —

אין דעם אנדערן טאג, האט עפעס פאסירט ביי פראפ. אנדריאס, וואס האט פאר ווילסאן'ען פארשווארצט דעם פנים, נאך מער ווי א נעגער איז פארשווארצט.

אין די לענדער פון אייראפא האט זיך געפירט, דאס יעדע פיר יאר איז געווען א צונויפקום פון די גרויסע וויסנשאפט לייט,

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 38 הודפס ע"י אוצר החכמה

פראָפעסאָרן, אַקאַדעמישע געלערנטע, און דירעקטאָרן פון אוניווער־
סיטעטס. דאָס האָט געהייסן אַזאַ „וויסנשאַפטליכער קאָנפערענץ".
און אַלע פיר יאָר איז דאָס אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַ אַנדער הויפּט
שטאָט פון אַן אַנדער לאַנד. אין לאָנדאָן, אין בערלין, אין פּראַג, אין
פּאַריז א. א. וו.

דאָס מאָל איז אויסגעקומען דאָס דער קאָנפערענץ איז
אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָנדאָן.

דער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען טאַקע אין דעם טאָג. אַסאַך
פּראָפעסאָרן און גרויסע וויסנשאַפט לייט זענען זיך צוזאַמען געקומען.
און צווישן זיי איז אויך געווען פּראָפ. ריידינגער, דער דירעקטאָר
פונם בערלינער אוניווערסיטעט.

ס'איז זעלבספאַרשטענדליך דאָס אַזאַ געלעגנהייט האָט פּראָפ.
אנדריאס אויך נישט דורך געלאָזט. אַזאַ וויכטיגער קאָנפערענץ קומט
פאָר אין זיין שטאָט לאָנדאָן, דאַרף ער אויך דאָס בייוואוינען.

ווי פּראָפ. אנדריאס האָט זיך באַגעגענט מיטן פּראָפ. ריידינגער,
און זיי האָבן זיך באַגריסט, האָט פּראָפ. אנדריאס פאַרשטאַנען דאָס
עס פּאַסט ער זאָל אים עפּעס מעלדן פון דעם בריוו וואָס ער האָט צו
אים געשיקט דורך ווילסאָן, אין וועלכן ער האָט ממליץ געווען אַזוי
שיין אויף זיין תלמיד „עדווארד ווילסאָן", און געבעטן ער זאָל אים
מקרב זיין און געבן אים אַפּרייעם צוגאַנג צום מוזעאום.

אויבצוואר אנדריאס האָט די לעצטע נאַכט געהאַט אַזאַ נישט
אנגענעמע באַגעגעניש מיט ווילסאָן'ען, דאָס ער האָט ערשיינט ביי
אים אין שטוב מיט אַ שוואַרצן פּנים ווי אַ נעגער, פון וועלכן ער
ווייסט נאָך אין גאַנצן נישט דעם בעשייד, ווילסאָן איז ביי אים
געוואָרן אַמיסטעריע.

אָבער יעדנפאַלס דאָס האָט דאָך נישט צוטאָן צודעם, דאָס
ער זאָל נישט מעלדן פאַרן פּראָפ. ריידינגער פונם בריוו. וואָס דער
עטיקעט פאַרלאַנגט אַזוי.

האָט אים טאַקע פּראָפ. אנדריאס געזאָגט די פאָלגנדע רייד:

פּראָפ. ריידינגער, עס איז ביי מיר געווען זייער אַנגענעם
צולייענען אייער האַנטשריפט אין דעם בריוו וואָס איר האָט געשיקט
צו מיר דורך אייער ליבן תלמיד „אדוארד ווילסאָן" אין וועלכן איר
זענט פאַר אים אַזוי וואַרעם ממליץ. עס איז מיר א כבוד אייך
צופאַרשטענדיגן דאָס איך האָב אייער פאַרלאַנג אויסגעפאָלגט אין

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 39 הודפס ע"י אוצר החכמה

גאַנצן, און ער האָט באַקומען אין מוזעאום אַ פּרייעם צוטריט און שום שטערונג, און איך האָב אים שטאַרק מקרב געווען א. א. וו.

פּראָפ. ריידינגער איז געוואָרען געפּלעפּט פון די רייד, ער האָט נישט געוואוסט וואָס דער פּראָפּ. אַנדריאַס רעדט צו אים. ער האָט זיך צו אים אָנגערופן: —

— פּראָפּ. אַנדריאַס, איר וועט מיר אַנטשולדיגן, אָבער איך ווייס נישט פון וואָס פאַרא בריוו איר רעדט. איך געדענק נישט צי איך האָב צו אייך געשריבן אַבריוו אין די לעצטע יאָרן. און דער נאָמען „אדוארד ווילסאָן" איז מיר אין גאַנצן אומבאַקאַנט. ביי אונז אין אוניווערסיטעט האָט קיינמאָל נישט געלערנט אַתלמיד מיט דעם נאָמען.

עס איז דאָ צו באַמערקן, דאָס ווען ווילסאָן האָט געלערנט אין בערלינער אוניווערסיטעט, איז זיין נאָמען געווען „עדי וואַלערו". דעם נאָמען „אדוארד ווילסאָן" האָט ער ערשט אויפגענומען קומענדיג אויף לאָנדאָן. ווי מיר האָבן דאָס אויבן געשריבן.

פּראָפּ. אַנדריאַס איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט. אויף דעם האָט ער זיך נישט געראַכטן.

וואָס זאָגט איר אַזוינס, פּראָפּ. ריידינגער? — האָט אַנדריאַס געזאָגט פאַרוואונדערט — ס'איז דאָך געווען אייער האַנטשריפט און אייער אונטערשריפט. אַביסל קען איך אויך אייער האַנטשריפט, איך האָב דאָך דאָס איצט נישט דאָס ערשטעמאָל געזען.

פּראָפּ. ריידינגער האָט תיכף פאַרשטאַנען, אַז פּראָפּ. אַנדריאַס איז געפאַלן אַ קרבן פאַר אַ גרויסן ראַפּעניִרטן שווינדלער. צופעלשן יענעמס האַנטשריפט און אונטערשריפט, און אַזוי קינסטלעריש, אַז מ'זאָל נישט דערקענען אַחילוק צום אָריגינעלן. דאָס איז שוין אַגענגסטערישע אַרבעט, ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַפּליכט אויפמערקזאַם צו מאַכן אים מיט די פאָלגנדע רייד:

פּראָפּ. אַנדריאַס, ס'איז קיין ספק נישט, דאָס איר זענט אריין געפאַלן מיט אַ גרויסן געניטענעם שווינדלער, וועלכער האָט געפעלשט מיין האַנטשריפט. מיילע וואָס איז געווען, איז געווען. אָבער גיט כאָטש אַכט פון איצטער אָן, איר זאָלט דעם מענטש אַרויסטרייבן פון אייך, ווי דעם ערגסטן פאַרברעכער. ווען נישט קענט איר טייער באַצאָלן.

מ'קען זיך פאָרשטעלן וואָסערע איינדרוק די ווערטער האָבן געמאַכט אויפן פּראָפּ. אַנדריאַס. ער האָט געפילט ווי די וועלט דרייט

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 40 הודפס ע"י אוצר החכמה

זיך מיט מיט אים צוזאמען. דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן ווײ צוטאָן. ער האָט זיך אַנטשולדיגט פאַרן פּראָפ. ריידינגער, און פאַר אַלע אַנוועזנדע דאָס ער פילט זיך נישט גוט, ער מוז אַהיים גיין.

* * *

אויפן וועג גייענדיג אַהיים צו זיך, האָט ער ערשט אָנגעהויבן צו באַגרייפן זיין טראַגעדיע, וויאַזוי ער איז אַריינגעפאַלן מיט אַ שווינדלער.

נאָך גוט — האָט ער ביי זיך געקלערט — וואָס ער האָט נישט דערציילט פאַר פּראָפ. ריידינגער דאָס דער שווינדלער איז אַ חתן פון זיין טאָכטער.

אָבער ווי הייבט ער אויף אַ קאָפּ קעגן די גאַנצע שטאָט נאָבעלע מענטשן, אַריסטאָקראַטן, און פּראָפעסאָרן, וואָס זיי ווייסן געגוי דאָס דער הויכשטאַפּלער באַטריגער, איז זיין צוקונפטיגער איידעם. ער האָט זיך אין אים געשפּיגלט און שטאָלצירט פאַר אַלעמען.

און ס'איז טאַקע נישט צופאַרשטיין, ווי אַמענטש מיט אַזאַ בילדונג און קענטעניס, און מיט אַזאַ אינטעליגענטע ערשיינונג און נאָבעלע מאַנירן. זאָל זיך צום סוף אַרויסווייזן דאָס ער איז אַ איינפאַכער שווינדלער.

דאָס איז די פאַלשקייט פון די וועלט — איז ער געקומען ביי זיך צום אויספיר — פון אויבנאויף קען עס בליטשקען און ווייזן זיך ווי דער שענסטער און דער בעסטער. און אינעווייניג זאָל עס זיין פאַרפוילט דורך און דורך.

מיט די געדאַנקען איז אנדריאַס אָנגעקומען צו זיין הויז.

* * *

ווען אנדריאַס איז אַריין געקומען צוזיך אין שטוב, האָט מען אויף אים דערקענט אַן ענדערונג, און אַ איינגעהאַלטענעם אויפרעגונג.

דאָס ווייב און די טאָכטער זענען אים צוגעשטאַנען, ער זאָל זיי דערציילען וואָס איז עפּעס פאַרגעקומען, דאָס ער איז אַזוי שלעכט געשטימט.

ער האָט זיי טאַקע דערציילט. וואָס האָט ער צובאַהאַלטן. זיי דאַרפן וויסן. ער האָט דערציילט זיין באַגעגעניש מיט פּראָפ. ריידינגער דער דירעקטאָר פונם בערלינער אוניווערסיטעט. דאָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער גאַנצער המלצה בריוו וואָס ווילסאָן

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליקט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 41 הודפס ע"י אוצר החכמה

האָט אים איבערגעגעבן אין נאָמען פונם בערלינער דירעקטאָר איז געפּעלשעוועט. ווילסאָן אַליין האָט אים געשריבן, און אונטערגעשריבן פּראָפ. רײדינגער'ס נאָמען.

ס'איז קיין שום ספק — האָט אַנדריאַס פאַרגעזעצט — דאָס מיר זענען אַריינגעפאַלן מיט אַ שווינדלער, אַ באַטריגער.

— איצט פאַרשטײ איך שוין — האָט אַנדריאַס אויסגעפירט — דעם גאַנצן סוד פון זיין פאַרשוואַרצט פּנים.

ער איז אַ פּראָפעסיאָנעלער אײנברעכער. און ער האָט אַמיטל וויאַזוי דעם פּנים זײנעם צו פאַרענדערן דורך כעמישע שטאָפן און פאַרשידענע געגנשטענדע, דאָס איז אים לעבנסוויכטיג צו זיין אַרבעט. און ווי ס'זעט אויס האָט ער נעכטן אָפּגעטאָן אַזאַ שטיקל אַרבעט. ווער ווייסט וועמען ער האָט פאַראומגליקט. האָט ער זיך אין די בהלה פאַרגעסן דעם פּנים זײנעם צוריק אָפּרייניגן. און ער איז געקומען גראָד צו אונז מיט דעם פאַרשוואַרצטן פּנים זײנעם. דאָס איז דער אײנציגער בעשייד וואָס איך קען זאָגן אויף זיין מיסטערישן ערשיינונג.

די טאָכטער איז געבליבן אָן לשון. זי האָט נישט געהאַט וואָס צוזאָגן. איר פאָטערס רייד זענען קלאָר און אומשטרייטבאַר. אין וואָס איר פאָטער זאָגט וועגן ווילסאָן'ס פאַרשוואַרצטן פּנים איז אויך אַ שטאַרקער לאָגיק. זי איז נעביך ביטער אַריין געפאַלן.

זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערליך געוויין אויף איר ביטערן גורל.

אַנדריאַס הערנדיג דאָס געוויין פון זיין אײנציגע טאָכטער, האָט ער אויף איר שטאַרק רחמנות באַקומען. און האָט איר גענומען צו טרייסטן:

— מיין קינד, מיר דאַרפן דאַנקען ג-ט, וואָס מיר זענען באַצייטנס געוואויר געוואָרן. דו האָסט נאָך מיט אים נישט געהייראַטעט. דאַרפסט גאַרנישט דענקען, דו וועסט נאָך קריגן אַ פיינעם חתן, און דו וועסט פון אים פאַרגעסן, אַזוי ווי מ'פאַרגעסט פון אַ וויסטן קאָשמאַר.

אַ פיינליכע שטילקייט איז געוואָרען אין שטוב אויף אײניגע מינוטן.

פּלוצים איז דער פּראָפ. אַנדריאַס אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול, ווי אײנער ווערט אָפּגעבריט פון הייסן. און האָט אויסגעשריגן:

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 42 הודפס ע"י אוצר החכמה

— אוי, דער מוזעאום! דער קעניגליכער מוזעאום איז אין א סכנה!

ווילסאָן האָט דאָך דאָרט אפּרייעם צוטריט צוהאַלטעמען אָן שום שטערונג. ווער ווייסט צי מיר האָבן שוין נישט פאַרשפּעטיגט!

זיי רואיג, טאַטע, האָט אים די טאָכטער בארואיגט — ווען ווילסאָן וואָלט געוועזן דורכגעפירט עפּעס א גניבה אינם מוזעאום, איז זיכער דאָס מיר וואָלטן שוין פון דעם געוואוסט.

נאָר דאָס איז ריכטיג — האָט די טאָכטער אויסגעפירט — דאָס מיר דאַרפן שוין עפּעס טאָן צו באוואָרענען זיך אויף ווייטער. מיר דאַרפן שוין צו־ווויסן טאָן די זאַך פאַרן פּראָפ. מאַרטימאָר.

ניין! — האָט איר פאָטער געזאָגט — מיר טאָרן זיך נישט אויסשטעלן צו אשאַנד און צו דערנידערונג, דאָס מיר זאָלן אויפדעקן פאַר מאַרטימאָר, ווי מיאוס מיר זענען אריינגעפאַלן. איבערהויפּט דאָרט ווי איך אַליין האָב דאָך אויסגעבעטן ביי מאַרטימאָר, די אויסנאַמס פריווילעגיעס פאַר ווילסאָן׳ען. ס׳איז מעגליך דאָס ווילסאָן וועט מאָרגן פאַרשווינדן פון לאָנדאָן, און די גאַנצע זאַך וועט פון זיך אַליין פאַרגעסן ווערן.

וואָס דען איז צו מאַכן? — האָט די טאָכטער געפרעגט.

איך וועל שרייבן א בריוול צו פּראָפ. מאַרטימאָר, מיט אזא נוסח וואָס וועט שוין אַלעם באוואָרענען. שנעל גיב אַהער בריוו־פּאַפּיר און אפּעדער — האָט אנדריאס געזאָגט צו די טאָכטער.

פּראָפ. אנדריאס האָט אָפּגעשריבן די פאָלגענדע ווערטער:

מיין בעסטער פריינד געערטער פּראָפעסאָר מאַרטימאָר!

„איך אונטערגעשריבענער, וועלכער זוכט אייער טובה און די טובה פונם קעניגליכן מוזעאום. קום איך אייך דאָ אויפמערקזאַם מאַכן, אַז ס׳איז דאָ א סכנה צו די טייערע אומשאַצבאַרע ווערטזאַכן פונם מוזעאום. דורך צופעליגע אויסטערלישע געלעגנהייטן האָב איך זיך דערוואוסט דאָס א באַנדע שווינדלערס גנבים האָבן א פּלאַן צו באגנב׳ענען דעם מוזעאום. דעריבער זאָלט איר וויסן אַז עס ליגט אויף אייך צו פאַרשטאַרקן די וואַך, און צו פאַרגרעסערן די באוואָרענישן. יעדן טאָג מאַכן אָפּרישן אונטערזוכונג אינם מוזעאום, זען אויב ס׳פעלט קיין זאַך. און אויף יעדן מענטש צוהאַלטן אַן אויג. נישט לאָזן אים פריי זיך באוועגן אין די זאַלן. ווען נישט צומאַכן אַן אויסנאַם און האָבן טענות און מענות מיט מענטשן איז ראַטזאַם בטל צו מאַכן אויך די בעזונדערע פריווילעגיעס פון אדוארד ווילסאָן.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליקט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 43 הודפס ע״י אוצר החכמה

נישט אין אפיציעלע שטונדן און אַן שמירה טאָר קיינער נישט אריין גיין אין מוזעאום — אריינגערעכנט אויך ווילסאָן. — אזוי פארלאַנגט איצט די טובה פונם קעניגליכן מוזעאום. כ׳בעט אייך איר זאָלט נישט דריקן אויף מיר אויסצוזאָגן פון וואו און וויאזוי איך האָב באַקומען די אויבנדערמאָנטע ידיעה. ווייל איר ווייסט גאנץ גוט אין וואָסערע צייטן מיר לעבן, דאָס די מינדסטע פארטשעפּן זיך מיט די אונטערוועלט חברה דרויעט מיט לעבנסגעפאַר. ס׳איז גענוג וואָס איך האָב אייך דאָס פארשטענדיגט. געדענקט דאָס די מינדסטע נאַכלעסיגקייט אין באוואָרענישן, קען ברענגען אַן אומגליק אויף אייך און אויפן קעניגליכן מוזעאום״.

אייער בעסטער פריינד פּראָפ. פּאול אנדריאס

די טאָכטער האָט צוגעגעבן, דאָס דער סטיל פון דעם בריוו איז גוט און גענוג. מ׳האָט דעם בריוו שנעל אוועקגעשיקט.

— י׳ —

נאָך דעם אומגליקליכן באַגעגעניש וואָס ווילסאָן האָט געהאַט ביי זיין כלה׳ס שטוב. דאָס ער האָט ערשיינט מיט אַ נעגעריש פּנים, שווארץ ווי קויל. און ער האָט פארלאָזט די שטוב פארשעמט, און געלאָפן היסטעריש אהיים.

ווען ער איז אָנגעקומען צוזיך אין צימער איז שוין געווען נאַכט. עפּעס אבאַהאלטענער שרעק האָט אים נאָך געיאָגט. אין צימער איז געהאָנגען אַגרויסער שפּיגל, ער האָט אַקוק אריין געגעבן מיט שרעק, און ווידער דער זעלבער נעגער, שווארץ ווי קויל.

וואָס איז דאָס? געוואַלד! — האָט ער געשריגן — עפּעס אַן אַנשיקעניש.

ער האָט זיך אָנגעהויבן צוקראַצן דעם פּנים מיט די נעגל, און געריבן מיט כח מיט אהאַנטוך. ס׳איז אַלץ דאָס זעלבע.

ער האָט געפילט, דאָס ער ברעכט צוזאַמען. ער האַלט עס נישט איבער.

ער האָט זיך אַ וואָרף געגעבן אויף זיין געלעגער מיט׳ן אָנגעטועכץ און מיט די שטיוול, ער האָט אָנגעהויבן צו כאָרכלען ווי אַן אָקס ביים שחט׳ן. און אזוי האָט ער איינגעדרימלט.

אין מיטן נאַכט האָט ער זיך אויפגעהויבן. און איז נאָכאַמאָל צוגעלאָפן צום שפּיגל, אפשר איז אַלעס געווען נאָר אַ דמיון.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 44 הודפס ע"י אוצר החכמה

וויטער די זעלבע זאך. שווארץ ווי א נעגער. ער האט געפילט אז ווען ער שטייט נאך א סעקונדע ביים שפיגל ווערט ער משוגע. ער האט זיך שנעל צוריק אראפגעווארפן אויפן געלעגער ווי ער שטייט און גייט. דעם קאפ האט ער זיך ארייגעגראבן אינם קישן, און האט וויטער געשלאפן.

* * *

אינדערפרי האט ער זיך דערמאנט וואס ס'איז אים דורך, ער האט מורא געהאט אויפצושטיין, ער וועט נאכאמאל זען פאר זיך דעם נעגער, און ער וועט אוועקפלאצן. אפשר וואלט געווען בעסער ווען ער שלאפט איין אויף אייביג — האט ער ביי זיך געקלערט.

ער דרייט זיך אהער און אהין אויפן געלעגער, קיין שלאף כאפט אים שוין נישט. ער ליגט און טראכט.

פלוצים גיט ער אשפרונג ארויף ווי אשפראנזשינע, און זאגט צו זיך:

— וואס איז דאס עפעס? נישט מעגלעך אזא זאך! איך בין נישט קיין נעגער, כ'בין עס קיינמאל נישט געווען, און וועל עס נישט זיין. איך וועל זיך גוט אפזייפן און אפרייבן, און ס'וועט אוועק גיין ווי ארויך.

ער ווארפט פון זיך אראפ שנעל די קליידער, ר'טוט אויס די שטיוול, שטעקט די פיס אריין אין די פאנטאפל, און לויפט אריין אין באד-צימער. דארט הענגט אויך אגרויסער שפיגל. ער קוקט דארט אריין און בלייבט פארגאפט. ער זעט זיין פנים איז ווייס און ריין ווי אייערנעכטן, און ווי אלעמאל ס'איז געווען.

וואס איז דאס דא? ער לויפט צוריק אריין אין צימער, ער זאל א קוק טאן נאכאמאל אין יענעם שפיגל. אויך דאס זעלבע ווייס און ריין, קיין זכר פון שווארצקייט.

ער זעצט זיך אראפ אויף א בענקל, אריין קלערן אביסל, וואס קומט דא פאר. ער קלערט און קלערט. ביז ער קומט צו דעם אויספיר, נישט אנדערש ווי די גאנצע זאך איז געווען אבייזער חלום, א פאלשער דמיון. ער זעט דאך קלאר, דאס ער איז ווייס און שיין ווי ער איז אלעמאל געווען. נו וואס האט ער צו דאגה'ן און צו פלאגן זיך דעם מוח. ס'איז אלעס פאריבער, ס'איז גארנישט געווען.

ער איז צוריק אריין אין באד-צימער, און האט זיך גוט אפגעבאדן און ארום געוואשן. ער כאפט אלץ אבליק אין שפיגל אריין. זיין צורה איז לויטער און ווייס.

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליקט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 45 הודפס ע"י אוצר החכמה

ער קומט אַרויס פון באַד־צימער, ער פילט אַ מידקייט און צובראָכנקייט אין אַלע ביינער. דער קאַשמאַר וואָס איז איבער אים פאַריבער די נאַכט האָט אים שטאַרק צובראָכן. ער כאַפּט עפּעס אין מויל אַריין, און לייגט זיך צוריק אין בעט אויסגעטאָן, געמאַכט געהעריג דאָס געלעגער, און שלאָפט איין.

נאָכמיטאָג ווען ער האָט זיך דערוועקט, האָט ער זיך געפילט פריש און אויסגערוט. ער האָט עפּעס געגעסן. ער האָט אַריינגעבעטן פונם האָטעל אייגנטימער אַ פרישע צייטונג, און האָט רואיג דורך געלייענט אַלעס. ווען ער האָט געענדיגט האָט ער זיך געזאָגט:

— נו, איצט דאַרף איך זיך שוין צוגרייטן צו גיין נאָכאַמאָל צו פּראָפ. אַנדריאַס, אין מיין כלה'ס שטוב. און ס'וועט אַלעס גוט ווערן.

* * *

ווען ווילסאָן איז אָנגעקומען צו די טיר פון פּראָפ. אַנדריאַס, האָט זיך פּונקט געענדיגט דער שמועס צווישן פאָטער מיט די טאָכטער, איבער דעם גרויסן אַנטוישונג אין ווילסאָן'ען. און גראָדע האָט מען ערשט אַוועק געשיקט דעם וואָרנונג'ס בריוו צו פּראָפ. מאָרטימאָר.

ס'פאַרשטייט זיך דאָס דער כעס און אויפרעגונג האָט זיך נאָך נישט אָפּגעשטילט ביי פּראָפ. אַנדריאַס. וואָס דער שווינדלער הויכ־שטאַפּלער האָט אים אַזוי אויפגענאַרט.

מ'הערט אַ קלאַפּ אין טיר.

אַריין — איז דער ענטפער.

די טיר עפנט זיך. אויף די שוועל שטייט אדוארד ווילסאָן. ער פאַרנויגט זיך פאַרשריפט מעסיג, מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זיין פנים... וועלכעס איז שוואַרץ ווי קויל.

אָט דאָ איז ער דער באַנדיט! — שרייט דער פּראָפ. אַנדריאַס.

אַרויס פון מיין שטוב! שווינדלער באַטריגער וואָס דו ביזט!

ווילסאָן איז געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט. פאַר גרויס איבערראַשונג האָט ער זיך נישט גערירט פון פּלאַץ.

אַנדריאַס שרייט ווייטער, ווי אויסער זיך:

— דו שוואַרצער שווינדלער, איינברעכער! דו האָסט געמיינט אַז מ'וועט אויף דיין שווינדל קיינמאָל נישט אַרויסקומען. דאָס איז דיר גאָרנישט אויפן געדאַנק געקומען, אַז איך קען זיך אַמאָל מיט'ן פּראָפ. ריידינגער, דער דירעקטאָר פונם בערלינער אוניווער־

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 46 הודפס ע"י אוצר החכמה

פיטעט באַגעגענען ? ! נעכטן האָב איך מיט אים גערעדט אויפן וויסנשאַפטליכן קאָנפערענץ, איז אַרויסגעקומען דיין שווינדל מיט דעם המלצה בריוו, וועלכעס דו האָסט אָפּגעשריבן און אונטערגעשריבן זיין נאָמען.

איך ווייס אויך שוין דעם סוד — האָט אַנדריאַס געזאָגט — פון דיין פאַרשווארצט פנים, וואָס דו דאַרפסט האָבן צו דיינע געגנסטערישע אַרבעט.

אַרויס פון מיין שטוב שוואַרצער באַנדיט! איך וועל שוין אָפרופן די פּאָליציי. זאָלסט מער נישט טרעטן אויף די שוועל פון מיין הויז.

ווילסאָן איז נאָך געשטאַנען אַביסל ווי פאַרשטיינערט. ער קוקט אָן די פּנים׳ער פון אַנדריאַס מיט די טאָכטער, ווי זיי קוקן אויף אים מיט אויגן פול מיט האַס, און פאַרלאָפן מיט טרערן. ער פילט ווי דער אָפּגרונד האָט זיך געעפנט אונטער זיינע פיס.

ער דרייט זיך אויס, און מיט וואַקלדיגע טריטן איילט ער זיך צו פאַרלאָזן דאָס הויז. ער טאַפּט מיט די הענט אויף פאַראויס, ווי אַ בלינדער. און זיין קערפּער שאָקלט זיך ווי אַ שיכור.

ער קומט אָן אין זיין צימער. ער גיט אַ קוק אינם שפּיגל, שוואַרץ ווי דער שוואַרצער אינדיאַנער, דוכט זיך נאָך שוואַרצער ווי נעכטן. ער פילט ווי די גאַנצע וועלט איז פאַר אים פאַרשוואַרצט געוואָרן. ער ברעכט צוזאַמען, און פאַלט אַנידער.

ער איז געלעגן אַפּאָר מינוטן אויף דער ערד. דערנאָך האָט ער זיך צוזאַמענגענומען די לעצטע כחות, און האָט זיך אויפגעהויבן.

* * *

מ׳קלאַפּט אין די טיר. ער גייט צו עפענען. דער בעל הבית פונם האָטעל קומט אַריין. ער זאָגט צו ווילסאָן:

אַנטשולדיגט מיר מיסטער, ווער האָט אייך דאָ פאַרדונגען דעם צימער.

וואָס הייסט ווער ? — איך אַליין — זאָגט ווילסאָן.

איך ? קיינמאָל — זאָגט דער בעל הבית — ביי מיר איז אַן אַלטע פאַראָרדענונג פאַראַן, דאָס מ׳פאַרדינגט נישט קיין צימער נאָר פאַר ווייסע-הויטיגע. די טונקל-הויטיגע האָבן דאָך זייערע ספּעציעלע געגנטן און האָטעלן וואו זיי וואוינען. מ׳קען דאָס נישט ענדערן.

ווילסאָן האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן. ס׳האָט זיך

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליקט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 47 הודפס ע״י אוצר החכמה

אים געוואַלט, נעמען זיך צו שרייען מיט אַ היסטעריע, ווילאַנג די נשמה וועט אים אַרויס גיין, ער האָט זיך אָבער באַהערשט מיט אַלע כחות, און געזאָגט:

— זעט מיסטער, דאָ זענען מיינע דאָקומענטן — ער האָט געוויזן זיינע שריפטן — זעט, איבעראַל טו איך דאָ פיגורירן אַלס „אדוארד ווילסאָן", און קוקט נאָך ביי אייך אין בוך, וועט איר טרעפן דעם נאָמען פאַרשריבן, דאָס איך האָב ביי אייך גערענטעט דעם צימער מיט די נומער.

ס'איז אוממעגליך אַזאַ זאַך — זאָגט דער בעל הבית — אַ חוץ אַז ס'איז נישט געמאַכט געוואָרן עפּעס אַ שווינדל, דאָס גערענטעט האָט עס אַ ווייסער. און לויט ווי איך דענק האָט טאַקע געוואוינט דאָ אַ צייט לאַנג אַ ווייסער, און איר זענט דאָ ערשט אַריינגעקומען אונטער דעם נאָמען. ס'איז אַ פעלשונג. אַז איר ווילט נישט האָבן קיינע אונאַנגענעמליכקייטן — האָט דער בעל הבית אויסגעפירט מיט אַ שטרענגען טאָן — זאָלט איר אייך ווי אַמשנעלסטן אַרויסקלייבן.

אָבער מיסטער — האָט ווילסאָן געזאָגט מיט אַ תחנונים'דיגן טאָן — גלויבט מיר אַז איך בין דאָס דער זעלבער וועלכער האָט ביי אייך גערענטעט דעם צימער. און איך בין אייגנטלעך אַ ווייסער, נאָר עפּעס איז דאָ געשען וואָס איך אַליין ווייס נישט די סיבה, דאָס איך בין פלוצים אַזוי שוואַרץ געוואָרן. ס'איז נאָר צייטווייליג — האָט ווילסאָן באַרואיגט דעם בעל הבית — ס'וועט פאַריבער גיין. איינמאָל איז שוין געווען אַזוי, און ס'איז פאַריבער געגאַנגען.

הערט אויס מיסטער — האָט דער בעל הבית געזאָגט — דערציילט מיר נישט קיינע מעשיות. ווער ס'איז שוואַרץ איז שוואַרץ, און ווער ס'איז ווייס איז ווייס. אייער פּנים זעט נישט אַזוי אויס, ווי איינער וואָס איז געוואָרן שוואַרץ. איר האָט אַ נאָרמאַלן געזיכט פון אַן אַפריקאַנער. אַנטשולדיגט, די אַפריקאַנער זענען אויך מענטשן, ווי אַנדערע מענטשן. נאָר זענען שוואַרצע און מיר זענען ווייסע. דאָס איז דאָך אַ נאַטור זאַך.

איך האָב מיט אייך מיטלייד מיסטער — האָט דער בעל הבית אויסגעפירט — אָבער די פאַראָרדענונגען ביי אונז, וואָס גייט שוין אָן אַסאַך צענדליגע יאָרן, קענען מיר נישט ענדערן. איך וועל אייך שוין נישט בייזאַכט דאָ אַרויסוואַרפן, אָבער מאָרגן אינדערפרי, דאַרפט איר אייך איבערקלייבן פון דאָ ערגעץ אַנדערשוואו.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 48 הודפס ע"י אוצר החכמה

דער בעל הבית איז אַרויס. ער האָט מער נישט גערעדט קיין וואָרט.

איצט האָט ווילסאָן ערשט אָנגעהויבן אַביסל צובאַגרייפן, דאָס ער איז פאַרלוירן.

צוביסלעך האָט ער אָנגעהויבן צו פילן אַביסל אַ הונגער, ער האָט דאָך אַ גאַנצן טאָג כמעט נישט געגעסן. ער האָט גערעכנט צו עסן סאַפּער ביי אנדריאס'ן. נו, איז ער דאָך פון דאָרט אַנטלאָפן מיט חרפות און בושות.

אָבער וואו גייט ער איצט עפּעס עסן? — האָט זיך ווילסאָן באַרעכנט — ער וועט אין רעסטאָראַנט האָבן דעם זעלבן אָפּשניט ווי מיט'ן בעל הבית זיינעם. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַריינקומען אינם רעסטאָראַנט אַ שוואַרצן. זיכער איז דאָרט אויך דאָ אַזאַ פאַראָרדענונג.

ווילסאָן האָט זיך נאָכאַמאָל אַ קוק געגעבן אין שפּיגל. ער איז אַריין אין באַד-צימער ער זאָל זיך אָנקוקן אין יענעם שפּיגל. שוואַרץ, שוואַרץ, ווי אַלע שוואַרצע.

ער איז פאַרלוירן! זיין לעבן איז קיין לעבן. סיווי ביי אנדריאס'ן און ביי זיין כלה, האָט ער אַלעס פאַרשפּילט. אַז זיי ווייסן שוין אויך פון דעם געפּעלשעוועטן בריוו.

ענדערש ווי ער זאָל בלייבן אַ שוואַרצער נעגער — איז ווילסאָן געקומען צום באַשלוס — וועט ער זיך נעמען דאָס לעבן.

דערווייל האָט ער זיך שוין שטאַרק שלעכט געפילט. ער האָט זיך געפילט צובראַכן ווי אַ שאַרבן. און אין מויל האָט ער געפילט אַ שטאַרקע ביטערקייט. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט. ער האָט שנעל אַראָפּגעצויגן פון זיך די שטיוול, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער, און אויסגעצויגן זיך אין בעט.

ס'איז אויף אים געפאַלן אַ שלאָף, מיט שרעקליכע חלומות. עטליכע מאָל האָט ער געשריגן אין שלאָף מיט אומבאַנומענע קולות.

* * *

אינדערפרי, ווי ווילסאָן האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט. דערנאָך האָט ער זיך ווי אינסטינקטיוו צוגעשלעפּט צום שפּיגל, זען זיינע צרות.

וואָס איז דאָס...? — איז ווילסאָן געבליבן געפּלעפט — זיין פּנים איז צוריק ווייס און קלאָר. קיין זכר פון שוואַרצקייט.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 49 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוצר החכמה

אַך, ג—ט אין הימל, וואָס איז דאָס. — האָט ווילסאָן זיך צושריגן — וואָסערע שפּיל ווערט דאָ געמאַכט מיט מיר.

עס זאָל מיר אַן אַנדערער דערציילן די מעשה — האָט ווילסאָן צו זיך געזאָגט — וואָלט איך אים נישט געגלויבט.

פֿאַר גרויס אויפֿרעגונג און עגמת נפש איז ווילסאָן קראַנק געוואָרן. ער האָט באַקומען הויכע פֿיבער.

דער בעל הבית פֿונם האָטעל איז אַריינגעקומען. ער זעט אַז דאָס איז טאַקע אַדוארד ווילסאָן דער ווייסער מאַן וואָס האָט ביי אים געדונגען דעם צימער. ווי ס'זעט אויס איז דער שוואַרצער טאַקע אַוועקגעגאַנגען. ער זעט אַז ווילסאָן ליגט נישט געזונט, וויל ער איצט נישט האָבן מיט אים קיין וויכוחים. נאָר אַזויפֿיל זאָגט ער אים:

— מיסטער ווילסאָן, כ'בעט אייך, איך זאָלט דאָ מער קיין שוואַרצן נישט אַריינגעמען. איר פֿאַרטרייבט מיר די געסט.

וואָס פֿעלט אייך? — טוט זיך דער בעל הבית אינטערעסירן — און ער ברענגט אַרויף אויך זיין פֿרוי.

זיי האָבן אים געברענגט עפּעס פּילן און מעדיקאַמענטן. זיי האָבן זיך מיט אים באַפּאַסט מיט איבערגעבנקייט. ער איז געלעגן עטליכע טעג אין גרויס פֿיבער, ביז דער קריזיס איז פֿאַריבער. ער האָט נאָך געפֿילט אַ שטאַרקע שוואַכקייט אין אַלע ביינער. און ס'האָט אים נאָכגעיאָגט דער שרעק, דאָס ער וועט ווידער שוואַרץ ווערן ווי ער וועט נאָר אַרויס אין דער גאַס.

*   *   *

שעה'ן און שעה'ן איז ווילסאָן געזעסן און געטראַכט, וואָס קומט דאָ פֿאָר מיט אים. אַבנאָרמאַלע זאַכן פּאַסירן אַרום אים.

ביז ער האָט זיך דערטראַכט, דאָס נאָר דער אַלטער ראַבינער מיט זיין פּאַטריאַרכאַלישע און מיסטישע צורה — וועלכער וויל פֿון אים קויפֿן די שטיינער פֿון חושן — נאָר ער קען אים העלפֿן.

ער האָט זיך דערמאָנט, דאָס דער ראַבינער האָט עפּעס גערעדט מיט אים פֿון „פֿאַרשוואַרצן דעם פּנים דורך הימלישע וועגן..."

אויף וועלכן ער האָט געענטפֿערט, דאָס ער גלויבט נישט אַז עס פּאַסירן אומנאַטירליכע זאַכן...

אוי! — האָט זיך ווילסאָן אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ — דאָ מוז עפּעס שטעקן... דער ראַבינער איז אַ הימלישער מאַן. ער וועט אים העלפֿן.